„Radomer-Kielcer Leben" 41 [381) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יאהרגאנג VIII-ער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטן.
Radom, dnia 23 Paź. 1931 r.
ראדאם, פרייטאג י״ב חשון תרצ״ב

Radakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
צוויי מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
. . . אין . 60 .
. . . נאכ׳ן . 25 .
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 .


| טעאטער „פאלסקי" אין קעלץ | טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אין ראדאם |
| --- | --- |
| שבת דעם 24-טען אקטאבער ד. י. | פרייטאג דעם 23-טען אקטאבער ד. י. |
| פאר׳ן אבפאהר קיין אויסלאנד! | פאר׳ן אבפאהר קיין אויסלאנד! |

איינציגער אויפטריט פון די בערימטע בינע-און פילם-ארטיסטען

## יאנאס טורקאוו און דיאנא בלומענפעלד

אין דער אריגינעלער פיעסע
## די פערל פון שאנכיי
אין 3 אקטען פון יעקב וואסטמאן

אנהויב 8³⁰ אווענד. ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ ■ די פיעסע ווערט געשפילט אהן סופליאר.


Z intencji zaręczyn
p. Loli Krakowskiej z panem Mankiem Lewinem
życzymy Jej wiecznego zadowolenia i szczęśliwej przyszłości.
**Chanka Mullerman, Syma Blum,**
**Sabina Sztajnberg, Regina Hirszenhorn, i Zelda Tenenbaum.**

Koleżance REGINIE CUKIER z powodu zgonu

## B. P. OJCA

wyrazy współczucia składają:
*Wychowawca i klasa ósma*
*Gimnazjum tow. „Przyjaciół*
*Wiedzy" w Radomiu.*


## דער יודישער רעטונגס-קאמיטעט אין ראדאם.
(יודישע סעקציע ביים אלג. הילפס קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע)

מאכט בעקאנט אז אין די נאהנטסטע טעג ווערט ער עפנען
## א אומזיסטע קיך
אין דער געזעלשאפט „עזרה" טראאוגוסטא 52 (אמאל דלוגא 11)
די אלע וועלכע ווילען פון דער קיך גענוסען ברויכען באצייטענס זיך
פערערגיסטרירן אין סעקרעטאריאט ביי דער געזעלש. „עזרה"
אין די שעהן פון 10 פריה ביז 2 נ. מיטאג און פון 6 ביז 8 אווענד


## א ו י פ ר ו ף

### צו אלע ראדאמער אידען!

אזוי ווי איהר ווייסט ווי גרויס די מצוה פון **הכנסת אורחים** איז, ווענדען מיר זיך צו אייך מיט א בקשה. דער קאמיטעט פון „הכנסת אורחים" ראדאם וועהלט 5 פיהרט א דורך שוין 2 וואכען א גרונדליכען רעמאנט עס זאל זיין שיין, ריין און ווארים, כדי דער ארימאן וועלכער קומט אריין נעכטיגען זאל זיך נישט שפירען צוריקגעשטויסען.

אזוי ווי דאס איז פערבינדען מיט גרויסע קאסטען, דעריבער בעטען מיר אייך ראדאמער אידען: זייט בייהילפיג צו דער מצוה, יעדער איינער וויפיעל ער קען, קומט, אדרבה, און איהר וועט אייך איבערצייגען ווי נויטיג דאס איז.

ובזכות זה, וועט איהר זיין געהאלפען מיט געזונד און פרנסה.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער פרוי צוקער און קינדער
צוליב׳ן טויט פון זייער מאן און פאטער

## ר׳ שמואל משה ז״ל

דריקט אויס
די פערוואלטונג פון דער
הילפס-געזעלשאפט „עזרה"
אין ראדאם.


Tow. „CHINUCH JEŁUDYM"
urządza w SOBOTĘ dn. 24 b. m.

# Dancing

w cukierni
p. Przybyłniewskiego

na rzecz Pierwszej Ochrony Żydowskiej

Wieczór ten urozmaicony będzie
występami artystycznemi,
ze współudziałem
miejscowych sił artystycznych.

## די מוזיק-שולע
## פון פ. גיססער

די דערמאנטע שולע נעמט נאך אן איינשרייבונגען אויף די מוזיקאלישע קורסען.

די מוזיק-שולע פון פ. גיססער איז פון די געצעהלטע קאנצעסיאנירטע דורכ׳ן מיניסטעריום שולען אין פוילען. אין ראדאם האט די שולע אונטער דער רוטינירטע לייטונג סון פראפ. גיססער זיך גוט עגטוויקעלט און במשך דער צייט ארויסגעגעבען א גאנצע רייהע שילער מיט א העכערער מוזיקאלישער אויסבילדונג. אויף וויפיעל די שולע פון פ. גיססער האט מאראליש פראס-פערירט ווייזט דער פאקט, וואס פיעל פון זיינע תלמידים זענען ווארים אויפ-גענומען געווארען אויף די העכערע מוזיק-אקאדעמיעס און קאנסערוואטאר-יומס אין לאנד, ווי אויך אין אויסלאנד.

און דעריבער דארף די שולע געפו-נען מעהר אבקלאנג ביי דער ראדאמער יודישער געזעלשאפט.


## ענדלעך

האבען מיר אויך אין ראדאם די בעקאנטע אויסארבעטונ-גען פון דער פירמע
„ליליפוט"

איבעראל צו בעקומען





◎◎◎◎

## פון דער ציוניסטישער א"ג. אין ראדאם
### קאמוניקאט.

פרייטאג דעם 23/10 ד.י. אום 7 אז. אוו. וועט פראפ. פ. מושקאטבליטה האל-טען א רעפעראט א. ד. ט. „דער קאמף צווישען הלכה און אגדה" (פון דער סעריע: „תקופת התנאים והאמוראים") איינגאנג פאר מיטגלידער פריי.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דער פאמיליע צוקער צוליב׳ן טויט פון זייער מאן און פאטער, אונזער פערוואלטונג׳ס - מיטגליד

**ר׳ שמואל משה נ. ע.**

דריקט אויס
די פערוואלטונג פון „בית-יתומים"


## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דאס ג. פובליקום פון ראדאם און אומ-געגענד דאס דער בעוויסטער
**קירזשנער-ווארשטאט**
פון חיים גאלדשטיין עט זאהן וואלאווא 23 האט זיך איבערגעטראגען אויף דער **לובלינר 25** אין הויף
פארטער נעבען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע
ס׳ווערט אויסגעפיהרט אלערארט קורזשנער-ארבייט מענער און דאמען רעיעל און פינקטליך! קומט און איבערצייגט אייך!
מיט אכטונג **חיים גאלדשטיין עט זאהן.**

Biuro próśb, windykacji i buchalterji
## „EXPRESS"
RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)
**za dostępną opłatą**

Redaguje prośby, podania, odwołania, umowy i.t.p.
załatwia korespondencję handlową i prywatną
przepisuje na maszynach i tłumaczy wszystkie języki
windykuje należności miejscowe i zamiejscowe
informuje o zdolności kredytowej,
**i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowości wchodzące**

Tanio! Szybko! Solidnie!




jedynie to aromatyczne, zawierające glicerynę mydło „Kołłontay z pralką", kupują regularnie niezliczone rzesze przezornych i doświadczonych gospodyń domu, które wypróbowały różne mydła, a pozostały przy marce „Kołłontay". Gospodynie te nie płacą ani fantastycznych cen, ani za bezwartościowe opakowanie; przekonały się bowiem, że lepszego i korzystniejszego mydła niema wogóle i pozostają dlatego jego wiernemi konsumentkami.

(7a

**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**
General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski
DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE
ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

# בעריכט פון דער בוסק-אקציע

## דורכגעפיהרט דורך דער הילפ'ס-געזעלשאפט „עזרה" אין ראדאם

### אין יאהר 1931

**איינקונפט**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| געזאמעלטע ספעציעלע שפענדונגען לטובת דער אקציע צוזאמען מיט טיילווייזע ציצאהלונגען פאר דעם וואוינען פון דער קיראציע — — | 5.549 | 05 | | |
| אפצוגעמען פאר צוגעזאגטע שפענדונגען — | 190 | 00 | | |
| פון א צייכען-פערקויף — — — — | 48 | 79 | 5.787 | 84 |
| נעדעקט פון אייגענע פאנדען — | | | 982 | 34 |
| | | | 6.770 | 18 |

**אויסגאבע**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| איבערפיהרען די קראנקע קיין בוסק און צוריק — | 1.012 | 80 | | |
| וווינונגען, בעדינונג, בעליכטונג און קליינע אויסגאבען | 715 | 08 | | |
| בצוער, קורטאקסעס, דאקטאר און מעדיקאמענטען | 2.328 | 95 | | |
| עסען (פולשטענדיגע אויסהאלטונג) — — — | 2.661 | 35 | | |
| אויסגאבען בים צופאהרען קיין בוסק — — — | 52 | 00 | 6.770 | 18 |
| | | | 6.770 | 18 |

פון דער בוסקער אקציע האבען גענאסען 50 קראנקע, וועלכע האבען בעקומען א פולשטענדיגע קוראציע, ווי אויך אויסהאלטונג פון ראדאם אויס ביז'ן צוריקקומען ווי צ. ב. דאס איבערשיקען די קראנקע, באנאָז, וואוינונג, בעדינונג, בעלויכטונג, צופאהרען אין באד-אנשטאלט, עסען א. ד. גל.

אויף דעם צוועק געזאמעלט ביי די אונטען-אויסגערעכענטע ליסט'ן א"ב:

ה"ה: פרעזעס אדלער איתמר, אדלער עדווארד, אורבינדער דוד, אייזמאן ישעי', אפאטאווסקי (לוב. 9), אשכנזיה.

ה"ה: בארנשטיין יחיאל, בוכמאן י. (גארבעריי). בלאטמאן דוד, בערגער שלמה, בערנימאן (לוב. 11). בעקערמאן לייזער, בערקמאן זיסל, בראווער חיים, בריעסלער אברהם.

ה"ה: גאטליב אלי ז"ל, פירמע „גאלדבערג אברהם". גאלדבערג אהרן, „גאלד-פארב ברידער", גאלדשטיין ישעי'. גאלדשטיין ירמי', גארפינקעל איתמר, גוטשטאדט אסתר, גוטשטאדט פעסי, גינצבורג נחום, פירמע „גלינקעוויטש און פרידמאן", גליקשטיין ראובן, פערוו. מיטגל. גרין יצחק.

ה"ה: דאנציגער פייוול, דיאמענט י., פירמע „דיאמענט און ראזענבערג".

ה"ה: האנצבערג בער, האפמאן פישל, הארארוויטש מענדעל, הימעלפארב הערש-לייב, הירשבערג משה, הירשזאהן מרדכי. הענדעל יעקב שמחה, הענדעל שלמה.

ה"ה: וואלמאן דוד (לובעלסקא), וואולף ראובן, וויינבערג מענדעל (קאסירער). וו. פרעזעס וויינשרויב העניך, פרוי ווייסעלפיש, ווייספוס אברהם, ווער-בער יוסף מאיר, וואודקע מ.

ה"ה: זיגמאן גבריאל, זילבערבערג י. ד., זילבערבערג פישל, זיידענשניר הערש. זעליגער קאפל, זשאבנער ד"ר.

ה"ה: טאכאקמאן יהושע, טענענבוים יוסף, טמיטלאזש שלמה.

ה"ה: לאנדאן אלעזר, לאנדוי י. מ. ז"ל, לאנדוי פ., ליטוואק יחיאל, ליכטענ-שטיין פ., וו. פרעזעס לעווי ד"ר, לעווין אהרן יוסל, לעווין ש. ג., לעסלויער יצחק מאיר, לעשטש ישראל.

ה"ה: מייער אדוו., פ' מינסקא ס., מינצבערג שלמה, מענטליק אברהם, מערין אהרן, מרגליות אברהם (ריגעק 7), מרגליות (קאזשעניעצקא).

ה"ה נייטאן יוסף, ניימאן נתן. ניימאן יהושע, נארדוויגד מרדכי.

ה"ה: סאפערשטיין אברהם, סנאטאר י., פר' סאלבע מאטעל.

ה"ה: פוקס אברהם, פינקעלשטיין וו. דר., פינקעלשטיין זיסקינד, פישמאן אברהם, פערוו. מיטגל. פישמאן יצחק (רינעק), פישמאן מלך (ווארש. 11) פעלדמאן הערש, פעניגשטיין אדוו., פערסטער יחזקאל, פערסטער מרדכי, פריד יוסף, פרידלאנד אהרן, „פרידמאן ברידער" (קילינסקי 9), פריד-מאן י. (לוב. 27), פרידמאן יוסף, פרידמאן לייב, פרידמאן משה יעקב, פרידמאן און שותפים.

ה"ה: פרזעדנאחעק נח, פר' פאזנאנסקא.

ה"ה: צוקער משה (לוב. 4), פירמע „צוקראספרזשעדאזש", צימערמאן העניך, צמח מרדכי.

ה"ה: קאלקשטיין, קאמינער מ., קאאפעראטיווע קאסע (לוב. 23)' קאאפעראטי-ווע באנק (פלאץ 3 מאי 2), קארמאן אברהם און זיהן, קארמאן דוד, קאר-מאן ד"ר, קארמאן מאטל, קארמאן שמערל, קויפמאן יהודא, קורץ ברי-דער, קינצלער, קיילער מאגיסטער, קירשענבוים יונה, קליינמאן משה, קליינערט אדאלף, קעלערווארם ד"ר, קעניגסבערג יוסף, קעסטענבערג שמואל, קרימילאווסקי יאלף.

ה'ה: ראזענבערג יצחק מאיר, ראזענבערג ירמי, ראזענבערג נח, ראטבלאט אייזיק, ראטענבערג יעקל, ראיאל יצחק מאיר, פרוי ראפאלאוויטש' פיר-מע „רובינשטיין משה" (גיסעריי) רווישיצקי זיגרעל, רייך בנימין, רייטער שמעלק, ריכטמאן קלמן.

ה"ה: שטיינמאן יהושע, סעקרעטאר שענדעראוויטש נ. ד"ר.

די פערוואלטונג פון דער הילפ'ס-געזעלשאפט „עזרה" דריקט דורך דעם וועג אויס דעם טיפסטען דאנק די ה"ה דאקטוירים, וועלכע האבען אהן שום מאטעריעלען נוצען קוואליפיצירט די קראנקע, וועלכע נויטיגען זיך אין קוראציע, ווי אויך די אויבענדערמאנטע שפענדערס פאר דער ערמעגליכונג פון אדורכפיהרען אזא וויכטיגע הילפ'ס-אקציע.

**בעמערקונג:** קוויטירונגען אויף די דערהאלטענע שפענדונגען איז געווארען אבגעשיקט באלד נאכ'ן איינפליסען דאס געלר אין סעקרעטאריאט.

## הילפ'ס-געזעלשאפט „עזרה"

אין ראדאם.

(—) פרעזעס איתמר אדלער

(—) סעקרעטאר ד"ר נ. שענדעראוויטש.


## 40% ביליגער!

די נייעסטע — פאסאנען פון פאלגענדע מאטעריאלען: **מעבעל**

וונגערסקע יעשאן, זלאטא בוטשע, פיראמירען, זשעברא, מאכאן אין יעשאן.

——— אויף גוטע בעדינגונגען. ———

דאס אלעס ווערט אויס-געפערטיגט ביי דער פירמע **קליין, זשעראמסקי 26**


Państwu CUKIER z powodu zgonu

Ich OJCA b. p. **Mojżesza**

szczere współczucie wyraża

*Fiszek Fiszman*